בעזרת השם יתברך

פרשת אח"ק

ז' אייר ה'תשפ"ג

שנה 4, גליון 16, (103)

# גליון סיפורי מעשיות

פאר'ן שבת טיש

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב

**שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרְשַׁת וַיֵּרָא, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א. אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶונֶען בַּיים 'קִידּוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה יג, דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס.**

אֵיידֶער דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶערְצֵיילְן דִי הֵיילִיגֶע מַעֲשִׂיּוֹת הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן קנא, וְעַיֵּין בְּהַקְדָּמַת סֵפֶר סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת): "אַזוֹי ווִי אִיר הֶערְט שׁוֹין נִישְׁט אוֹיס מַיינֶע תּוֹרוֹת, וֶועל אִיךְ אָנְהֵייבְּן דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת". נָאךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (מַעֲשֶׂה יא, מִבֶּן מֶלֶךְ וּבֶן שִׁפְחָה שֶׁנִּתְחַלְּפוּ): "פַארְצַייטְנְס וֶוען מֶען פְלֶעגְט וֶועלְן רֶעדְן פוּן קַבָּלָה, הָאט מֶען גֶערֶעדְט פוּן דִי מַעֲשִׂיּוֹת!"

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סוֹף פוּן דִי מַעֲשֶׂה), אַלֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן דֶעם סֵפֶר זֶענֶען גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת הַתּוֹרָה, אָבֶער דִי מַעֲשֶׂה אִיז זֵייעֶר גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת הַתּוֹרָה, עֶס לִיגְט אִין דֶעם אַלֶע חָכְמוֹת פוּן דֶער וֶועלְט, עֶס אִיז פוּל מִיט מוּסָר אוּן תּוֹרוֹת, אוּן אַז מֶען לֶערְנְט דִי מַעֲשֶׂה קֶען מֶען וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק. אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (סוֹף פוּן דִי מַעֲשֶׂה), אַז מָשִׁיחַ וֶועט זָאגְן פְּשַׁט אִין דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס.

מִיר וֶועלְן פְּרוּבִּירְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף צוּ לֶערְנֶען דִי מַעֲשֶׂה לוֹיט ווִי מוֹהֲרַ"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אָפְּצוּלֶערְנֶען דִי מַעֲשִׂיּוֹת אוֹיף לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה, אַרוֹיס צוּ נֶעמֶען דֶערְפוּן עֵצוֹת אוּן חִיזּוּק ווִי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר

דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט, עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַז מֶען הָאט גֶעדַארְפְט אַנְטְלוֹיפְן פוּן אַ מְדִינָה, בִּשְׁעַת מֶען אִיז אַנְטְלָאפְן אִיז פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן אִין אַ וַואלְד צְוֵויי קְלֵיינֶע קִינְדֶער, אַ אִינְגְל אוּן אַ מֵיידְל פוּן פִיר פִינְף יָאר, דִי קִינְדֶער הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין עֶסְן, הָאבְּן זֵיי גֶעשְׁרִיגְן אוּן גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף זֵיי אוּן גֶעשִׁיקְט אַ בְּלִינְדֶער בֶּעטְלֶער, עֶר הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן בְּרוֹיט, דִי קִינְדֶער הָאבְּן גֶעבֶּעטְן פוּנֶעם בֶּעטְלֶער אַז זֵיי ווִילְן מִיט גֵיין מִיט אִים, הָאט דֶער בֶּעטְלֶער גֶעזָאגְט אַז עֶר ווִיל זֵיי נִישְׁט מִיט נֶעמֶען, עֶר הָאט זֵיי גֶעבֶּענְטְשְׁט אַז זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַזוֹי ווִי אִים, עֶר הָאט אִיבֶּער גֶעלָאזְט אַבִּיסְל בְּרוֹיט אוּן אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּן זֵיי. וֶוען דִי בְּרוֹיט הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעלָאזְט הָאבְּן דִי קִינְדֶער ווִידֶער גֶעוֵויינְט אוּן גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֵיי נָאכְאַמָאל גֶעשִׁיקְט אַ בֶּעטְלֶער.

אַזוֹי הָאט זִיךְ דִי מַעֲשֶׂה אִיבֶּער גֶע'חַזֶר'ט זִיבְּן מָאל, יֶעדֶעס מָאל אִיז גֶעקוּמֶען אַן אַנְדֶערֶע בֶּעטְלֶער; אַ בְּלִינְדֶער, אַ טוֹיבֶּער, אֵיינֶער וָואס שְׁטָאמְפְּלְט זַיינֶע רֵייד, מִיט אַ קְרוּמֶע הַאלְז, מִיט אַ הוֹיקֶער, אָן הֶענְט אוּן אָן פִיס.

אִין אָנְהֵייבּ וֶוען מֶען לֶערְנְט דִי מַעֲשֶׂה זֶעט אוֹיס ווִי עֶס אִיז גֶעוֶוען זִיבְּן בַּאזוּנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס, אָבֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט: "'אֵין אָדָם עוֹמֵד עַל דַּעַת רַבּוֹ אֶלָּא אַחַר אַרְבָּעִים שָׁנָה' (עֲבוֹדָה זָרָה ה:), יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז דִי אַלֶע זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס זֶענֶען אֵיין מֶענְטְשׁ, דָאס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַלֵיינְס, דִי זִיבְּן זַאכְן זֶענֶען דִי 'זִיבְּן בְּחִינוֹת' צוּ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען". יֶעדֶעס מָאל אִיז דֶער רֶבִּי גֶעקוּמֶען פַארְשְׁטֶעלְט אִין אַ צְוֵוייטֶע סָארְט פַארְשְׁטֶעלַאכְטְס, אִין אַ צְוֵוייטֶע סָארְט מַדְרֵיגָה.

דֶערְנָאךְ הָאט זִיךְ דָאס בְּרוֹיט ווִידֶער אוֹיסְגֶעלָאזְט, הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעמַאכְט גְרוֹיסֶע טָארְבֶּעס אוּן צוּזַאמֶען מִיט אַנְדֶערֶע בֶּעטְלֶערְס אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען נָאךְ גֶעלְט. אֵיינְמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער יְרִיד אִין אַ גְרוֹיסֶע שְׁטָאט זֶענֶען אַלֶע בֶּעטְלֶערְס - אוֹיךְ דִי צְוֵויי קִינְדֶער - אַהִין גֶעגַאנְגֶען, הָאט מֶען דָארְט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁמוּעֶסְן אַז מֶען זָאל מְשַׁדֵּךְ זַיין דִי צְוֵויי קִינְדֶער, ווִי נָאר מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן דֶערְפוּן אִיז דֶער שִׁידּוּךְ גֶעשְׁלָאסְן גֶעוָוארְן. מֶען הָאט שׁוֹין גֶעוָואלְט מַאכְן דִי חֲתוּנָה, אָבֶער עֶס אִיז דָא אֵיין פְּרָאבְּלֶעם, ווִי אַזוֹי מַאכְט מֶען זֵיי חֲתוּנָה, זֵיי הָאבְּן דָאךְ נִישְׁט קַיין גֶעלְט. הָאבְּן זֵיי זִיךְ מְיַשֵּׁב גֶעוֶוען, בַּאלְד וֶועט דֶער קֶענִיג מַאכְן אַ סְעוּדָה לְכָבוֹד זַיין 'יוֹם הוּלֶּדֶת' וֶועלְן אַלֶע בֶּעטְלֶערְס אַהִין גֵיין אוּן בֶּעטְן פוּנֶעם קֶענִיג פְלֵייש אוּן בְּרוֹיט, וֶועט מֶען הָאבְּן אוֹיף דִי חֲתוּנָה.

### דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

זֶענֶען אַלֶע בֶּעטְלֶערְס גִיגַאנְגֶען אוֹיף דִי מִינִיֶעם.

'מִינִיֶעס' - מֵיינְט לוֹיטְ'ן הַיינְטִיגְן אִידִישׁ: אַ סְעוּדָה לְכָבוֹד דֶעם יוֹם הוּלֶּדֶת.

אוּן הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגִיבֶּעטְן פְלֵייש אוּן בְּרוֹיט, אוּן זֵיי הָאבְּן נָאךְ פַארְנוּמֶען וָואס סֶע אִיז גִיבְלִיבְּן פוּן דֶער סְעוּדָה, פְלֵייש אוּן קוֹילִיטְשׁ. אוּן זֶענֶען גִיגַאנְגֶען, אוּן הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגִיגְרָאבְּן. אַ גְרוֹיסְן גְרוּבּ, וָואס סֶע זָאל אִין אִיהם קֶענֶען אַרַיין הוּנְדֶערְט מֶענְטְשְׁן. אוּן זֵיי הָאבְּן אִיהם צוּגִידֶעקְט מִיט פְּרוּטֶעס, אוּן מִיט עֶרְד אוּן מִיט מִיסְט.

'פְּרוּטֶעס' - מֵיינְט לוֹיטְ'ן הַיינְטִיגְן אִידִישׁ: צְוַוייגְן.

אוּן זֵיי זֶענֶען אַהִין אַלֶע אַרַיין גִיגַאנְגֶען. אוּן זֵיי הָאבְּן דָארְט גִימַאכְט חַתוּנָה דִי קִינְדֶער, אוּן זֵיי הָאבְּן זֵיי גִישְׁטֶעלְט אַ חוּפָּה, אוּן זֵיי זֶענֶען דָארְט זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ גִיוֶוען, אוּן דִי חָתָן כַּלָּה זֶענֶען אוֹיךְ זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ גִיוֶוען.

יֶעצְט זָאגְט דֶער רֶבִּי אַ מוֹרָא'דִיגֶע ווִיכְטִיגֶע זַאךְ, וָואס מִיר דַארְפְן ווִיסְן:

הָאבְּן זִיךְ חָתָן כַּלָּה אָנְגְעהוֹיבְּן צוּ דֶערמָאנֶען, דִי חֲסָדִים וָואס הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הָאט מִיט זֵיי גִיטָאן, אַז זֵיי זֶענֶען גִיוֶוען אִין וַואלְד. אוּן זֵיי הָאבְּן אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ וֵויינֶען, אוּן הָאבְּן זֵייעֶר גִיבֶּענְקְט, ווי נֶעמְט מֶען דָא דֶעם עֶרְשְׁטְן בֶּעטְלֶער, דֶעם בְּלִינְדְן, וָואס עֶר הָאט אוּנְז גִיבְּרַאכְט בְּרוֹיט אִין וַואלְד.

## מֶען וֵויינְט אוּן וֵויינְט...

דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס רוֹב מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נִישְׁט. גֶעווֶעהנְלִיךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אִין אַ צָרָה, שְׁרַייט עֶר אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין צָרָה, ווי נָאר עֶר בַּאקוּמְט זַיין יְשׁוּעָה, פַארְגֶעסְט עֶר גְלַייךְ דֶעם חֶסֶד וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט אִים. אַזוֹי ווי מֶען זֶעט, אַ בָּחוּר דַארְף אַ שִׁידוּךְ, עֶר וֵויינְט אוּן וֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל שׁוֹין גֶעהָאלְפְן ווערן אוּן טְרֶעפְן זַיין שִׁידוּךְ, נָאךְ דִי חֲתוּנָּה וֵויינְט עֶר וַוייטֶער אַז עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט קַיין קִינְדֶער, וֶוען עֶר הָאט שׁוֹין אַ קִינְד וֵויינְט עֶר וַוייטֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִים הֶעלְפְן עֶר זָאל הָאבְּן אַן אֵייגֶענֶעם הוֹיז, אַזוֹי גֵייט עֶס מֶען וֵויינְט אוּן וֵויינְט אָן אוֹיפְהֶער.

דָאס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער סְפֶּעצִיעֶל אַזוֹי אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע חָכְמָה אוּן חֶסֶד, כְּדֵי דֶער מֶענְטְשׁ זָאל שְׁטֶענְדִיג דַארְפְן צוּקוּמֶען צוּ אִים אוּן זִיךְ וֶוענְדְן צוּ אִים, דֶערְפַאר מַאכְט עֶר אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן אוֹיף וָואס צוּ בֶּעטְן.

מֶען דַארְף אָבֶּער גֶעדֶענְקֶען אוֹיךְ דִי אַלְטֶע חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט שׁוֹין אַלְץ גֶעטוּן פַאר מִיר, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ שִׁידוּךְ, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ אַ ווַייבּ, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ קִינְדֶער, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ פַּרְנָסָה, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

## אָנְהֵייבְּן מִיט 'תּוֹדָה וְהוֹדָאָה'

אִינְדֶערְפְרִי וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי, מֶען גֵייט אַרוֹיס אַבִּיסֶל זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, קוּמְט גְלַייךְ אַרַיין אִין קָאפּ: **'וָואס פֶּעלְט מִיר? עֶס פֶּעלְט מִיר אַפָּאר דָאלֶער, אִיךְ דַארְף הַיינְט בַּאצָאלְן מַיין קְרֶעדִיט קָארְד בִּיל', 'אִיךְ דַארְף הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶע נֵס מִיט דָאס אוּן יֶענְץ', 'וָואס וֶועט זַיין מִיט מַיין דִירָה?' 'וָואס וֶועט זַיין מִיט מַיינֶע קִינְדֶער?' 'וָואס וֶועט זַיין מִיט מַיין ווַייבּ?'** פַארְוָואס זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט קוֹדֶם דֶערְמָאנֶען דִי אַלֶע חֲסָדִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?!

מוֹהֲרַ"אשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ שְׁרַייבְּט: יֶעדֶעס מָאל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, עֶר ווִיל זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף עֶר קוֹדֶם אָנְהֵייבְּן מִיט 'תּוֹדָה וְהוֹדָאָה'; צוּם עֶרְשְׁט דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְמָאן זִיךְ עֶפֶּעס אַ צָרָה וָואס דוּ הָאסְט אַמָאל גֶעהַאט אוּן דוּ בִּיסְט אַרוֹיס גֶעקְרָאכְן דֶערְפוּן.

דָאס זֶענֶען גֶעוֶוען דִי הֵיילִיגֶע פָּאר-פָּאלְק, דִי חָתָן כַּלָּה, וֶוען זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ בַּיי זֵייעֶר חֲתוּנָּה הָאבְּן זֵיי זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶערְמָאנֶען אַלֶע פְרֶעֶרְדִיגֶע חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיט זֵיי גֶעטוּן.

## יְיַשֶׁר כֹּחַ אַז אִיךְ הָאבּ אַ ווַייבּ

מוֹהֲרַ"אשׁ זָאגְט, יֶעדְן טָאג אִינְדֶערְפְרִי וֶוען דוּ שְׁטֵייסְט אוֹיף, דוּ זָאגְסְט מוֹדֶה אֲנִי, זַיי זִיךְ אַבִּיסֶל מִתְבּוֹדֵד מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"יְיַשֶּׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָּה גֶעהַאט, אִיךְ דַאנְק דִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ הָאבּ אַ ווַייבּ, אִיךְ דַאנְק דִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ הָאבּ אַ שְׁטוּבּ, אִיךְ הָאבּ קִינְדֶער"**, יֶעדֶער אֵיינֶער דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דָארְט וואו עֶר הַאלְט, אֵיינֶער וָואס הָאט שׁוֹין אוֹיךְ אֵיינִיקְלֶעךְ דַאנְקְט אוֹיךְ פַאר זַיינֶע אֵיינִיקְלֶעךְ: **"יְיַשֶּׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר מַיינֶע אֵיינִיקְלֶעךְ"**.

אַסַאךְ מָאל פַארְגֶעס אִיךְ צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם פְּרַט, אָבֶּער וֶוען אִיךְ גֵיי דוּרְךְ נֶעבְּן מַיין דִירָה, אַ הוֹיז וואו עֶס וואוֹינְט אַ בָּחוּר וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט מִיר אִין יְשִׁיבָה, ווייז אִיךְ פַאר מַיינֶע קִינְדֶער: **"זֶעסְט דֶעם בָּחוּר פוּן צְוַויי אוּן פֶערְצִיג יָאר אַלְט? עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט צוּזַאמֶען מִיט מִיר אִין אֵיין כִּתָּה אִין יְשִׁיבָה, עֶס קוּמְט זִיךְ מִיר גָארְנִישְׁט מֶער פוּן יֶענֶעם, אִיךְ בִּין נִישְׁט מֶער גֶעלוּנְגֶען פוּן אִים, אִין כִּתָּה זֶענֶען מִיר גֶעוֶוען דִי זֶעלְבֶּע גֶעלוּנְגֶען, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט מִיט מִיר אַ נֵס אַז אִיךְ הָאבּ יָא חֲתוּנָּה גֶעהַאט"**, וֶוען אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער דֶעם בָּחוּר'ס הוֹיז דֶערְמָאן אִיךְ זִיךְ נָאכְאַמָאל דִי חֲסָדִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָּה גֶעהַאט, אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"אִיךְ דַאנְק דִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ הָאבּ אַ שְׁטוּבּ, יְיַשֶּׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער!"**

## אָנְהֵייבְּן מִיט עֶפֶּעס גוּטְס

עֶס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג פַאר מֶען הֵייבְּט אָן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ נֵס, זָאל מֶען קוֹדֶם אָנְהֵייבְּן מִיט 'דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן' אוֹיף וָואס מֶען הָאט יָא. מֶען רֶעדְט נִישְׁט דָא פוּן דֶעם נוֹשֵׂא וָואס אֵיינֶער פוּן דִי מַשְׁפִּיעִים אִין בְּרֶסְלֶב הָאט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז מֶען זָאל דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע צָרָה, צוּם בַּיישְׁפִּיל, וֶוען דֶער דָאקְטֶער זָאגְט "מֶען הָאט גֶעטְרָאפְן בַּיי דִיר - רַחֲמָנָא לִצְלַן - יֶענֶע מַחֲלָה", זָאלְסְטוּ יֶעצְט פַאר אֵיין שָׁעָה דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט בַּאקוּמֶען יֶענֶע מַחֲלָה, מוֹהֲרַ"אשׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אוֹיף אַ צָרָה דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער בֶּעפָאר מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף מֶען קוֹדֶם אָנְהֵייבְּן מִיט עֶפֶּעס גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַמָאל גֶעטוּן מִיט דִיר.

יֶעדֶעס מָאל וָואס אִיךְ דַארְף אַ נֵס, אִיךְ בֶּעט אוֹיף עֶפֶּעס אַ יְשׁוּעָה, הֵייבּ אִיךְ צוּם עֶרְשְׁט אָן צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיינֶע חֲסָדִים וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן מִיט מִיר, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעמֵיינְט פַארְיָאר אַז עֶס אִיז עֶק וועלְט, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעמֵיינְט פַאר צְוַויי יָאר אַז עֶס אִיז עֶק וועלְט, אֶפְשַׁר גֵייט מֶען מִיר שׁוֹין אַיינְזֶעצְן אִין תְּפִיסָה... אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן פוּן אַלֶעס, דַאנְק אִיךְ צוּם עֶרְשְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, דֶערְנָאךְ בֶּעט אִיךְ אוֹיף וַוייטֶער.

## יְיַשֶׁר כֹּחַ אַז אִיךְ הָאבּ אוֹיגְן!

עֶס אִיז דָא אַזוֹיפִיל זַאכְן אוֹיף וָואס צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ זֶע, אִיךְ שְׁטֵיי, אִיךְ קוּם, אִיךְ גֵיי, אִיךְ קֶען זִיךְ בַּאוֶועגְן. אַ מִשְׁפָּחָה אִיז נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּ מִיר זָאגְן אַז מֶען דַארְף אַרוֹיס נֶעמֶען אַן אוֹיג פוּן אֵיינֶע פוּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער לֹא עָלֵינוּ, עֶס פַאלְט נִישְׁט בַּיי פַאר אַ מֶענְטְשׁ צוּ זָאגְן: **"יְיַשֶּׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ הָאבּ אוֹיגְן! מַיינֶע קִינְדֶער הָאבְּן אוֹיגְן!"**

מֶענְטְשְׁן זֶענֶען פַארְנוּמֶען זִיךְ אָפְּרֶעדְן, **'אִיךְ הָאבּ צוּטוּן מִיט אַ שָׁכֵן', 'אִיךְ הָאבּ צוּטוּן מִיט מַיין טַאטֶע'**, מֶען טְרַאכְט אָבֶּער נִישְׁט אַרַיין, וָואס זוּכְסְטוּ זִיךְ אָפְּצוּרֶעדְן? דוּ הָאסְט אַזוֹיפִיל גוּטְס! הָאסְט אוֹיגְן, אוֹיעֶרְן, אַ מוֹיל, הֶענְט אוּן פִיס.

## מֶענְטְשְׁן זוּכְן פְּרָאבְּלֶעמֶען

ווִילַאנְג אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַלֶעס ווייסְט עֶר אֲפִילוּ נִישְׁט אוֹיף וָואס צוּ דַאנְקֶען, דִי וָואס גֵייעֶן אַרִיבֶּער פְּרָאבְּלֶעמֶען דִי ווייסְן שׁוֹין גוּט צוּ

דאַנקען אויף וואס זיי האבן יא. א אינגערמאן שרייבט מיר די וואך אז איינער פון זיינע קינדער ליידט פון דעם אז זיינע האר פאלן אַרויס, ער קען פארלירן זיינע פאות השם ישמרינו, און ער שרייבט מיר אז ער האט נאך א זאך וואס איז נאך ערגער פון די צרה זעלבסט, אז יעדער זאגט אים אנדערע עצות וואס צו טון, איינער זאגט דאס קינד זאל עסן מייערן, א צווייטער זאגט, **"וואס מייערן?! די גאנצע קרענק קומט דאך נאר פון דעם!"** איינער זאגט עס קומט פון עסן צופיל מילכיגס, א צווייטער זאגט אז עס קומט פון עסן צופיל פליישיגס... איינער זאגט עס קומט פון טרינקען קאווע און א צווייטער זאגט עס קומט פון צוקער, אזוי גייט עס אהין און צוריק, יעדער זאגט עפעס אנדערש, ער פרעגט מיר וואס צו טון; און אין די זעלבע צייט זענען דא מענטשן וואס זוכן פראבלעמען, דאנק דעם אייבערשטן אז דו האסט א שטוב, האסט א ווייב און קינדער.

### אויף יעדן קען מען טרעפן חסרונות

**"אבער מיין ווייב איז אהער", און "מיין ווייב איז אהין"**, וואס איז מיט דיר? דו זוכסט פראבלעמען?! אויף יעדן מענטש קען מען טרעפן פראבלעמען! איך האב אמאל געזעסן ביי מוהרא"ש אין יבנאל, האט מען דארט גערעדט פון איינער פון די גדולים, האט איינער זיך אנגערופן אז מען זאגט אויף דעם גדול אז ער טויג נישט, האט מוהרא"ש געענטפערט: **"טרעף מיר איין גדול פונעם פריערדיגן דור וואס מען קען נישט טרעפן אויף אים א חסרון!"** אויף יעדן מענטש - אויב מען זוכט - וועט מען טרעפן א חסרון, אז דו שטייסט און זוכסט אויף דיין ווייב איז עס דיין פראבלעם! זוך די חסד, זוך וואו דו קענסט דאנקען דעם אייבערשטן.

### דערציילט דער הייליגער רבי ווייטער:

ווי זיי האבן אזוי געבענקט, נאך דעם בלינדן בעטלער, דערוויילע רופט ער זיך אן, איך בין דא.

ווען די חתן כלה האבן זיך דערמאנט די חסדים פונעם אייבערשטן, ווי ער האט רחמנות געהאט אויף זיי און געשיקט די בעטלערס, האבן זיי אנגעהויבן וויינען און בענקען: **"ווי נעמט מען דא דעם ערשטן בעטלער, דעם בלינדן, וואס ער האט אונז געבראכט ברויט אין וואלד"**, און ווי נאר זיי האבן אזוי געבענקט נאך אים, רופט ער זיך אן: **"איך בין דא!"**

### מען שפירט אזא דורשטיגקייט

לכאורה אויב איז דער בלינדער בעטלער דא, פארוואס האבן זיי זיך געבענקט נאך אים, ער איז דאך דא?!

נאר זיי האבן זיך געבענקט צו די צייט וואס זיי זענען געווען אזוי הונגעריג פאר די בעטלערס! דאס הייסט ווען מען ווערט מקורב צום רבי'ן, מען שפירט אזא דורשטיגקייט, אזא הונגער, מען פריידט זיך צו יעדעס ווארט וואס מען הערט פון רבי'ן, אבער מיט די צייט ווערט אלעס אלט, מען שפירט ווי מען ווערט שוין נערוועז צו הערן די ווערטער נאכאמאל און נאכאמאל; צו דעם האבן זיי געבענקט, **"ווי אזוי קענען מיר היינט אויך זיין אזוי ווי דעמאלט, און שפירן ווי מיר קענען נישט אן די בעטלערס?"** און צו דעם דארפן מיר זיך כסדר בענקען, מיר דארפן בעטן דעם אייבערשטן מיר זאלן נישט ווערן אלט, מיר זאלן אלץ זיין פריש, מיר זאלן בלייבן פרישע מקורבים.

די חתן כלה האבן זיך אנגעהויבן דערמאנען די חסדים וואס דער אייבערשטער האט געטון מיט זיי, ווי זיי זענען געווען אין וואלד, און עס איז געקומען צו זיי א בעטלער, און זיי געגעבן אסאך חיזוק, האבן זיי אנגעהויבן אזוי צו בענקען "ווי אזוי קענען מיר היינט אויך זיין אזוי ווי דעמאלט, און שפירן ווי מיר קענען נישט אן די בעטלערס?"

דאס דארפן מיר כסדר בעטן דעם אייבערשטן: **"רבונו של עולם איך געדענק ווען איך בין מקורב געווארן צום רבי'ן, בין איך געווען אזוי צעבראכן, איך האב געדארפט אזוי סאך חיזוק, האב איך זיך מחיה געווען מיט'ן בעטלער, מיט'ן רבי'ן, ווי קען איך נאך יעצט זוכה זיין צו דעם, איך זאל זיך נאכאלץ מחיה זיין מיט'ן רבי'ן, זיך מחיה זיין מיט א ווארט פון רבי'ן, איך זאל חס ושלום נישט נערוועז ווערן ווען מען רעדט פון רבי'ן".**

### ווער ווערט נערוועז פון די דרשות?

א בחור זאגט מיר לעצטנס: ראש ישיבה, איך ווייס נישט וואס עס גייט פאר מיט מיר, די דרשות הייבן מיר אן צו נערוועז מאכן, איך טראכט 'פון וואס וועט מען שוין רעדן? פון לערנען משניות, פון מעביר סדרה זיין יעדן טאג אביסל, זונטאג ביז שני, מאנטאג ביז שלישי, דינסטאג ביז רביעי און אזוי ווייטער, פון שלום בית, זיך היטן פון חובות', איך ווער שוין נערוועז פון דעם, דער בחור שרייט: **"וואס טו איך דא? איך וויל נישט אוועק גיין פון רבי'ן! איך וויל בלייבן ביים רבי'ן!"** דאס האבן די חתן כלה געטון, זיי האבן זיך זייער געבענקט צו די צייט וואס זיי האבן געדארפט די בעטלערס, דעם הייליגן רבי'ן.

מען זעט אן אינטערעסאנטע זאך, איינער וואס זאגט יעדן טאג משניות, דארף יעדן טאג פרישע חיזוק צו זאגן משניות, איינער וואס האט יעצט מסיים געווען תלמוד ירושלמי [דעם קומענדיגן זונטאג פרשת חיי שרה האט מען מסיים געווען גאנץ תלמוד ירושלמי], וויל איינער זאל אים זאגן: **"הייב נאכאמאל אן תלמוד ירושלמי".**

ווער ווערט נערוועז פון די דרשות? איינער וואס האט אויפגעהערט זאגן משניות וכו'. אזוי אויך ווילאנג א מענטש איז מכבד זיין ווייב, ווען זיין ווייב בלאזט שלינגט ער עס אראפ, ער לויפט נישט אוועק צו חברים, נאר ער זוכט א וועג ווי אזוי ער קען נאכאמאל צוריק אויפבויען די ליבשאפט אין שטוב, וויל הערן נאכאמאל און נאכאמאל חיזוק אויף שלום בית, ווען מען הערט אויף ארבעטן אויף שלום בית, ווערט מען נערוועז ווען מען רעדט דערפון, אזוי ווי איך ווער נערוועז ווען איך הער מענטשן זענען פארקאכט, מען רעדט און שמועסט פון נארישקייטן, אזוי ווערט ער נערוועז ווען מען רעדט פון רבינ'ס עצות.

### אלט טאר מען נישט זיין

דער הייליגער רבי האט געזאגט (שיחות הר"ן, סימן נא): **"אלט טאר מען נישט זיין; עס איז נישט גוט צו זיין אן אלטער חסיד, אן אלטער צדיק, אלט איז נישט גוט".** מען דארף זיך שטענדיג אויפפרישן און זיך באנייען: 'היינט איז מיין ערשטע מאל וואס איך לייג תפילין!' 'היינט איז מיין ערשטע מאל וואס איך קום אריין אין א בית המדרש היכל הקודש!'

נאך זאגט דער הייליגער רבי (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן סב): **"כי עקר כל הדברים הן התחלה"**, דער עיקר שלימות ווען מען קומט צום צדיק איז זיך כסדר באנייען. ווען מען קומט צום צדיק זאל מען טראכטן: 'איך בין יעצט א נייע מקורב, כאילו איך בין נאך קיינמאל נישט דא

געוועז; יעצט איז מיין ערשטע מאל וואס איך קום צום צדיק', איך בין זיך מחיי' מיט די שיעורים, מיט די ספרים, איך ווער נישט נערוועז פון די שורה וואס מוהרא"ש שרייבט צענדליגער מאל אין אשר בנחל: **"היט שבת", "לייג תפילין"**, איך וויל עס איבער לערנען נאכאמאל און נאכאמאל.

## אַ נייע גילוי – רעדן צום אייבערשטן!

אויך ווען מען מאכט התבודדות דארף מען דאס טון מיט א פרישע התחלה כאילו 'היינט איז מיין ערשטע מאל וואס איך הער אז עס איז דא אזא זאך פון רעדן צום אייבערשטן און שמועסן מיט'ן אייבערשטן, מען קען זאגן פאר'ן אייבערשטן: **"רבונו של עולם איך וויל זיין אן ערליכער איד", "רבונו של עולם איך וויל לעבן מיט דיר", "רבונו של עולם איך וויל אויך זיין א צדיק, איך וויל זיך אויך בענקען צו דיר"**, א נייע גילוי איך קען רעדן צום אייבערשטן!'

א חבר'טע – וואס איז שטילערהייט מקורב צום רבי'ן – האט דערציילט פאר מיין ווייב תחי', איינמאל איז זי געפארן מיט איר טאטע אויפ'ן וועג, עס איז געווען לאנגע טרעפיק, האט זיך זיך אנגערופן צו איר טאטע: **"לאמיר בעטן דעם אייבערשטן: 'הייליגער באשעפער העלף די טרעפיק זיך זיך עפענען'"**, דער טאטע איז געווארן היסטעריש ווילד און געזאגט: **"נו! קלאפ דיין מויל, מען קען דען בעטן אויף נסים אז די וועלט זאל זיך איבער דרייען? זייט די חורבן בית המקדש איז גארנישט דא אויסער שחרית, מנחה און מעריב! מען קען נישט סתם אזוי רעדן צום אייבערשטן!"** ער איז אן ערליכער איד, ער שטייט אויף יעדן טאג פיר אזייגער, ער לערנט שיעורים מיט חברותות, אבער עס פעלט אים דער רבי, ער ווייסט נישט אז עס איז דא אזא זאך פון רעדן צום אייבערשטן, פארקערט ער מיינט נאך אז מען טאר נישט רעדן צום אייבערשטן, און זיכער נישט אז די טרעפיק זאל זיך עפענען... ווידער די טאכטער ווייסט פון דער רבי אז מען קען רעדן צום אייבערשטן, פאר דעם אליינס האט שוין געלוינט צו קומען צום רבי'ן איך זאל הערן פון דעם נייעם גילוי אז מען קען רעדן צום אייבערשטן.

ווען מען קומט צום צדיק דארף מען טראכטן: יעצט איז מיין ערשטע מאל וואס איך קום צום צדיק, היינט איז מיין ערשטע מאל וואס איך הער א נייע זאך אז 'שלום בית איז עבודת השם', און 'מען זאל רעדן שיין אינדערהיים', און 'מען קען בעטן דעם אייבערשטן דערויף: **"רבונו של עולם איך וויל רעדן שיין אינדערהיים", "העלף מיר אז עס זאל מיר גארנישט אנגיין אינדערהיים"**'.

## אַ מעשה פון תפילה

א אינגערמאן האט מיר די וואך דערציילט א מעשה פון תפילה; ער הערט אלץ ווי דער ראש ישיבה שליט"א זאגט ביי די דרשות: **"ווען דיין ווייב האט דיר עפעס געזאגט דארף דיר דאס נישט באדערן"**, אבער ער האט געזען אז ביי אים ארבעט עס נישט, יעדעס מאל נאכדעם וואס זיין ווייב זאגט אים עפעס נעמט עס א טאג צוויי ביז ער קומט צוריק צו זיך פונעם באליידיגונג, ער מאכט זיך אינדרויסן כאילו פרייליך אבער למעשה ווערט אפגעשטעלט דאס גאנצע ליבשאפט אינדערהיים, עס נעמט אים שעות שעות זיך צוריק איבער צו בעטן מיט איר, ווייל קודם דארף ער זיך אליינס איבער בעטן אויף דעם זעלבסט אז ער מאכט זיך צוטון פון אזעלכע נארישקייטן...

דער אינגערמאן זאגט מיר, ער האט שוין געהערט דעם משל וואס דער ראש ישיבה איז מסביר מיט א טאטע און קינד: **"ווען דו זאגסט פאר דיין קליין קינד: 'גיי אריין אין בעט!' און דאס קינד זאגט דיר: 'דאדא טאטי!' – ווערט נישט אויס ליבשאפט, מען ווערט נישט באליידיגט, ווייל דאס קינד מיינט גארנישט", ווען מיין קינד זאגט מיר: "טאטי איך האב דיך נישט ליב!"** האב איך אים נאכמער ליב; אזוי איז ווען א פרוי איז איבער געשטרענגט, זי קריטיקירט וכו', מיינט זי אויך גארנישט. אבער נאכ'ן הערן די אלע משלים העלפט עס גארנישט ביי אים, ער ווערט נאך יעדעס מאל באליידיגט וכו', ביז ער האט אנגעהויבן ניצן די עצה פון רעדן צום אייבערשטן, ער האט געבעטן דעם אייבערשטן דערויף: **"רבונו של עולם וואס קען איך טון אז עס זאל מיר גארנישט אנגיין אין שטוב? העלף מיר אז איך זאל זיך נישט אויפרעגן, עס זאל מיר גארנישט אנגיין ווען מען זאגט מיר עפעס"**, און וואונדער איבער וואונדער זיין גאנצע לעבן אין שטוב האט זיך געטוישט, אלעס איז פיין, גארנישט באדערט אים מער נישט.

די מעשה האט פאסירט ביי א פרישער מקורב, וואס האט יעצט צום ערשטן מאל געהערט פון 'שלום בית' און 'רעדן צום אייבערשטן', איז ער זיך מחיה און לעבט מיט די עצות פון רבי'ן, אבער אפילו מען איז שוין אין היכל הקודש צען פופצן יאר וכו' דארף מען בענקען צו בלייבן ביים רבי'ן מיט די זעלבע פרישקייט, לאמיר זיך באנייען, לאמיר זיך מאכן שיעורים אין רבינ'ס ספרים.

## זיך בענקען צום רבי'ן

מען דארף אויף דעם אליינס מאכן התבודדות: **"רבונו של עולם איך דאנק דיר אז דו האסט מיר דערוואוסט פונעם רבי'ן, העלף מיך איך זאל אלץ זיין פריש און ניי, איך זאל פארן צום רבינ'ס ציון מיט א פרישקייט, אזוי ווי איך בין געפארן דאס ערשטע מאל"**. ברוך השם אז מיר מאכן שוין פלענער אויפ'ן קומענדיגן יאר אין אומאן, אז מען זאל קענען אנקומען בשלום.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זיך האלטן פריש און זיך בענקען צום רבי'ן. דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן פאלגן דעם רבי'ן, וועלן מיר האבן א שיינע לעבן, אמן.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה שליט"א געזינגען דעם ניגון: **"שבת קדשנו, מחמד עינינו, מאיר עינינו, בזכות רבנו. אשרינו אשרינו, מה טוב חלקנו, שזכינו להתקרב לרבנו"**.

קול ברסלב

קול ברסלב – שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק – שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876